חג הסוכות
תשפ"ז
מערכת ליקוטי אורה
אורות מרבינו הקוה"ט מהר"י ט"ב זי"ע

# אורות יואל

תורת רביה"ק מסאטמאר זיע"א

## אור הדרוש

### קען קיינער נישט פארשטיין פארוואס עס קומען יסורים נאר דער באשעפער אליין

עס איז דא א מדרש: **איוב היה קורא תגר על היסורים עד שהראה לו הקב"ה ג' דפנות שבסוכה נתקררה דעתו** - איוב האט זיך באקלאגט אויף זיינע יסורים, ביז דער אויבערשטער האט אים געוויזן די דריי ווענט פון די סוכה און דאן האט ער זיך בארואיגט. עס איז א מדרש פליאה.

דער פסוק זאגט אין קהלת (יב, י) **בִּקֵּשׁ קֹהֶלֶת לִמְצֹא דִּבְרֵי חֵפֶץ וְכָתוּב יֹשֶׁר דִּבְרֵי אֱמֶת.** זאגט דער **מדרש** פשט (קה"ר יב, י): **בקש לעמוד על הקץ, יצאה בת קול וכתוב יושר דברי אמת, כי יום נקם בלבי** - שלמה האט געוואלט וויסן דעם זמן הקץ, האט דער בת קול געזאגט '**וְכָתוּב יֹשֶׁר דִּבְרֵי אֱמֶת**' און עס שטייט שוין אין ישעי' (סג, ד) '**כִּי יוֹם נָקָם בְּלִבִּי**', אז קיינער ווייסט נישט ווען עס וועט זיין דער קץ.

מען דארף אבער פארשטיין וואס איז פשט אין די ווערטער: **וְכָתוּב יֹשֶׁר דִּבְרֵי אֱמֶת?**

אין די גמרא איז דא א פלוגתא איבער די ווענט פון די סוכה: די חכמים האלטן **שתים כהלכתן ושלישית אפילו טפח** און רבי שמעון האלט **שלש כהלכתן ורביעית אפילו טפח.** זאגט די גמרא אז זיי קריגן זיך צי **יש אם למסורת** אדער **יש אם למקרא**, ווייל אין פסוק שטייט "בסכת" אן קיין ו', אבער מען ליינט עס "בסוכות" מיט א ו'. די חכמים האלטן אז מען גייט נאך די מסורה - וויאזוי עס שטייט ארויסגעשריבן אין די תורה - און דער חשבון גייט אז עס איז גענוג בלויז דריי ווענט, און רבי שמעון האלט אז מען גייט נאכן קרי - וויאזוי

המשך בעמ' הבא

## אור הפרשה

### סוכות קומט אראפ השפעות אפילו אויב מען קען נישט מתפלל זיין ווי עס דארף צו זיין

**בַּסֻּכֹּת תֵּשְׁבוּ שִׁבְעַת יָמִים כָּל הָאֶזְרָח בְּיִשְׂרָאֵל יֵשְׁבוּ בַּסֻּכֹּת. לְמַעַן יֵדְעוּ דֹרֹתֵיכֶם כִּי בַסֻּכּוֹת הוֹשַׁבְתִּי אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּהוֹצִיאִי אוֹתָם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אֲנִי ה' אֱלֹהֵיכֶם** (ויקרא כג, מב-מג).

לכאורה, אלע מצוות פון דער תורה זענען דאך געזאגט געווארן פאר אלע דורות; פארוואס דארף דער פסוק באזונדער זאגן דא ביי מצות סוכה '**לְמַעַן יֵדְעוּ דֹרֹתֵיכֶם**'?

דער **בני יששכר** (מאמר צלא דמהימנותא, טז) ברענגט פונעם **חיד"א** (ראש דוד, אמור) אין נאמען פון הרב ר' **ישועה זיי"ן** זללה"ה א תירוץ אויף די קשיא פון די קדמונים; פארוואס האט דער אויבערשטער בלויז באפוילן צו מאכן א זכר אויפ'ן נס פון די ענני הכבוד, אבער נישט אויפ'ן נס פון די מן און פונעם באר, וועלכע זענען דאך אויך געגעבן געווארן פאר כלל ישראל אין מדבר?!

ער ענטפערט אז די מן און באר זענען געגעבן געווארן פאר אידן נאכדעם וואס זיי האבן זיך באקלאגט און זיי האבן געהאט טענות אז זיי האבן נישט גענוג עסן און טרונקען, ווידעראום די ענני הכבוד האט זיי דער אויבערשטער אליינס געגעבן מיט זיין גרויס חסד און גוטסקייט, אן דעם וואס זיי זאלן בעפארדעם בעטן פאר דעם. דעריבער מאכט מען בלויז א זכר אויף די ענני הכבוד, וועלכע איז געקומען אלס מתנה פונעם באשעפער, אן קיין טענות און תערומות פון כלל ישראל.

דער הייליגער **קדושת לוי** (קדושה ראשונה לחנוכה) ערקלערט דעם טעם פארוואס מען האט קובע געווען א יו"ט חנוכה און פורים צוליב די נסים וואס איז געשען פאר אידן, אבער נישט אויף אנדערע גרויסע נסים ווי די מלחמת סיסרא און סנחריב וכד', ווייל בלויז אויף די אלע נסים וואס די נביאים און אנשי כנסת הגדולה האבן געזען אז עס קומט ווידעראמאל אראפ די הארה פונעם נס יעדעס יאר ווען עס קומט יענער צייט, האבן זיי קובע געווען א יום טוב, אבער די נסים וואס זיי האבן געזען אז עס ווערט נישט נאכאמאל נתגלה דער כח פונעם נס האט מען נישט געמאכט אויף דעם קיין יום טוב.

יעצט איז אזוי: וויבאלד די ענני הכבוד זענען דאך געקומען אן דעם וואס אידן זאלן בעטן דערויף - ווי דער חיד"א זאגט - ממילא יעדעס יאר ווען עס קומט דער יו"ט סוכות ווערט נאכאמאל ערוועקט די הארה און די סגולה פון די טעג געהאלפן צו ווערן אפילו אן דעם וואס מיר זאלן בעטן.

**דאס איז א מורא'דיגע טרייסט און התחזקות פאר די שפעטערדיגע דורות אז אפילו מען וועט זיך געפינען אין א גרויסן שפלות, און מען וועט נישט קענען מתפלל זיין כראוי כדי צו זוכה זיין צו א ישועה צוליב די אייגענע תפילות, דאך וועט מען קענען געהאלפן ווערן בלויז דורכ'ן גרויסן חסד פונעם אויבערשטן וועלכער איז משפיע א ישועה אפילו אן דעם וואס מען זאל דערויף בעטן.**

דאס קען זיין פשט אין פסוק. דער בורא כל עולמים הייסט אונז זיצן אין א סוכה זיבן טעג, '**לְמַעַן יֵדְעוּ דֹרֹתֵיכֶם**' - כדי די שפעטערדיגע דורות זאלן פון דעם נעמען א חיזוק זיך צו פארזיכערן אין השי"ת, טראץ זייער שפלות און שוואכע כוחות, און טראצדעם וואס זיי האבן נישט די שכל און השגה צו בעטן ריכטיג, ווייל אזוי איז אויך געווען מיט די ענני הכבוד וואס איז געקומען אן דעם וואס מען זאל דערויף בעטן, און דאס פירט דער פסוק אויס: '**כִּי בַסֻּכּוֹת "הוֹשַׁבְתִּי" אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל**' - איך האב אליינס ארייגעזעצט ענקערע עלטערן אין סוכות, אן דעם וואס זיי זאלן דערויף בעטן, און פון דעם וועט מען פארשטיין אז דער אויבערשטער וועט העלפן און שיקן השפעות טובות פון הימל אפילו מען האט נישט קיין אייגענע כוחות און מען וועט געהאלפן ווערן, ווייל '**אֲנִי ה' אֱלֹהֵיכֶם**' און איר דארפט זיך בלויז פארלאזן אז דער אויבערשטער וועט שיקן אלע צרכים אויפ'ן שענסטן און בעסטן אופן.

(סוכות תרצ"ז)





KolSatmar.com

# אור הסיפור

מען זעהט דא אין דער מדינה [אמעריקא], עס פלעגט צו זיין דא גאר א מנהג אין די שענסטע מקומות, אז אין שול הויף איז געווען א סוכה, און מען האט קידוש געמאכט און [נאכדעם] איז מען אהיימגעגאנגען עסן אין שטוב, עס איז געווען **גאר גאר שומרי תורה ומצות**. און אז עס איז דא אביסל אידן וואס האבן אנגעהויבן צו מאכן א סוכה האט עס א **השפעה** אויפן גאנצן כלל.

(לשון רבינו מדברות קודש פתיחה חוה"מ סוכות תשכ"ח)

~

איך הער, מען האט זיך דא צוזאמגענומען די אינגעלייט, **קובע עתים לתורה** זיין מען זאל זיך צוזאמקומען, און דאווענען אינאיינעם, און מען זאל לערנען אינאיינעם, מען דארף אויפשטעלן א דור פון אידן, און מען דארף אליין זיין אין א כנופיא פון תורה און אידישקייט.

דאס האט אסאך בחינות, 1) קודם קובע עתים לתורה אליין איז דאך א חיוב, דאס איז די ערשטע שאלה וואס מען פרעגט [קבעת עתים לתורה], דארף מען זיך געוויינען צו דעם. 2) עקסטער ברויך זיין דער תכלית, מען זאל נישט נתגשם ווערן אינדרויסן מיט די ביזנעס, און מ'זאל נישט מגושם ווערן מיט אלעם, דער קביעת עתים לתורה איז תורה און עס איז דער מקור פון יודישקייט, אז עס איז על מנת לעשות, אז מען האט קיינמאל נישט אינזין קיין דבר תורה פאלט מען אריין, מען ווערט מגושם, דאס איז דער מקור פון יודישקייט.

דער אמת איז דאס תורה מיט מצות, ווי ווייט מעגליך איינזאפן, אז ווען עס קומט צו תורה זאל מען אינזין האבן מצות, און ווען מען טוט א דבר מצוה זאל ליגן דער רעיון אין תורה, מען זאל וויסן וואס מען האט געלערנט, מען זאל וויסן א דבר הלכה וואס מען ברויך זיך אויפצופירן, מען ברויך לערנען טאקע דאס וואס מען ברויך וויסן למעשה.

די צייט וואס מ'לערנט דארף מען קובע זיין א געוויסע הלכה וואס א איד ברויך צו וויסן, מען זאל איינזאפן אין זיך די הנהגה פון תורה און מצות, און די מדות טובות וואס א איד ברויך צו האבן, דאס איז דער שורש. **ר' חיים וויטאל** זאגט אין שער הקדושה (ח"א שער ב), פארוואס שטייט נישט ארויס אין די תורה הקדושה די מדות. ווייל מען קען נישט צוקומען צו די תורה הקדושה אן מדות טובות, דאס איז דער פונדאמענט פון אלעם, די מדות איז דער שורש פון יודישקייט.

עקסטער וואס איז פאר זיך אליין דער פונדאמענט פונעם גאנצן יודישקייט, איז עס נאך פארבינדן מיט אן אנדערע זאך, עס איז פארבינדן מיט חילול ה', וואס זאגט מען אינגעלייט וואס זענען אויפגעצויגן בעלי תורה איבערהויפט נאך פון **סאקמערע חסידים**, וואס זאגט דערנאך אוי לו לזה שלמדו תורה, עס איז א חילול ה' אויך און דאס איז דאך שוין מער פון אלע עבירות.

(לשון רבינו מדברות קודש פתיחה חוה"מ סוכות תשכ"ו)

## המשך אור הדרוש

מען ליינט עס - און עס קומט צו א פערטע וואנט.

דער **בני יששכר** ברענגט א דבר נפלא אין די דרושים אויף שבועות (מאמר ה', יט): עס איז דא א פסוק אין **ירמיה** (לא, לז): **הִנֵּה יָמִים [בָּאִים] נְאֻם יְהוָה וְנִבְנְתָה הָעִיר.** אינעם 'כתיב' שטייט נישט "**בָּאִים**", נאר אינעם 'קרי' זאגט מען עס. זאגט דער בני יששכר אז דער זמן פון די גאולה איז אזוי שטארק פארהוילן אז עס ליגט נישט אינעם חשבון פון די יארן פון בריאת העולם. די יארן לויפן דאך איינס נאכן צווייטן, יעדער מיט זיין מזל און כוכב, אלעס איז אין חשבון, אבער דער שנת הקץ איז ארויס פון חשבון און קיינער קען עס נישט זען. ביז עס וועט קומען די רגע פונעם קץ דעמאלטס וועט עס פלוצלונג נתגלה ווערן, ווי עס שטייט (מלאכי ג, א): **וּפִתְאֹם יָבוֹא אֶל הֵיכָלוֹ הָאָדוֹן אֲשֶׁר אַתֶּם מְבַקְשִׁים.**

וועגן דעם שטייט נישט דער **בָּאִים** ארויסגעשריבן אינעם פסוק, ווייל עס איז טאקע נישט אין די מציאות, קיינער זעט עס נישט און עס איז גענצליך פארהוילן. מען ליינט עס אבער אינעם 'קרי' ווייל ווען דער זמן וועט קומען וועט עס נתגלה ווערן, און מען וועט דעמאלטס זען למפרע וויאזוי עס איז געווען אין חשבון און וואס דער חשבון איז אז עס האט יעצט געברויכט צו קומען. אזוי שטייט אין בני יששכר.

זעט מען פון דעם אז די סיבה פארוואס א ווארט שטייט נישט אינעם 'כתיב' איז ווייל דער ענין איז פארהוילן.

מיט דעם קען מען אויך פארשטיין וואס דער מדרש זאגט אז ווען קהלת האט געוואלט וויסן דעם זמן הקץ האט דער בת קול געזאגט "**וְכָתוּב יֹשֶׁר דִּבְרֵי אֱמֶת** - ווייל פונעם 'כתיב' וואס מען זעט אז עס שטייט נישט ארויסגעשריבן **בָּאִים** אין פסוק, זעט מען אז דער זמן איז פארהוילן און קיינער ווייסט נישט ווען דאס וועט זיין.

די גמרא זאגט (פסחים נד:) אז זיבן זאכן זענען פארהוילן פון מענטשן. צווישן די זאכן רעכנט די גמרא אויס: **יום הנחמה, ועומק הדין**, דער **יום הנחמה** מיינט ווען עס וועט זיין דער קץ, און **עומק הדין** - זאגט דער **נזר הקודש** - מיינט די דרכי ההנהגה פון השי"ת; פארוואס עס איז צדיק ורע לו רשע וטוב לו, ווייל עס איז נישט דא קיין גענצליכע תירוץ דערויף און דעם אמת'דיגן טעם האט מען נישט מגלה געווען פאר קיינעם, ווייל דער עומק הדין איז ביי הקב"ה אליין, די אלע יסורים ה' ישמרנו וואס מ'גייט דורך דאס אלעס איז פונעם עומק הדין און קיין מענטש קען נישט פארשטיין די מחשבות פונעם יוצר בראשית.

קומען. אזוי שטייט אין בני יששכר.

יעצט איוב איז דאך געווען זייער גרויס און ער האט געוואלט פארשטיין דעם תירוץ, און הגם עס שטייט עפעס תירוצים אין די פסוקים איז אבער נאך אלץ דא קשיות און פירכות, עס איז נאך אלץ שווער צו פארשטיין וויאזוי אזא איש קדוש ווי איוב האט געדארפט דורכגיין אזעלכע יסורים, ער האט עס געוואלט פארשטיין א גענצליכן תירוץ און ער האט נישט געטראכט אז עס זענען דא זאכן וואס עס איז נישט מעגליך אז א מענטש זאל עס פארשטיין.

ביז דער אויבערשטער האט אים געוויזן 'בסכת, בסוכת' אז מען דרש'נט יש אם למסורת, און כאטש דער קרי איז 'בסוכות' אבער להלכה גייט מען ווי עס שטייט אין פסוק, ממילא זעט מען דאך אז עס זענען דא זאכן וואס זענען בהעלם, און די זעלבע זאך איז מיט'ן קץ און מיט'ן עומק הדין וואס ביים קץ שטייט טאקע נישט ארויס אין פסוק "באים", און עומק הדין איז די זעלבע זאך אז מען קען עס נישט פארשטיין, אויב אזוי האט ער שוין מער נישט געפרעגט קיין קשיות, ווייל ער האט געזען אז עס זענען דא זאכן וואס קיינער ווייסט נישט, נאר דער באשעפער אליינס, און ער האט זיך בארואיגט.

(ס"ג שבת חוה"מ סוכות תשי"ט)



KolSatmar.com

## סיי וועלכע גוטע זאך א כנופיא אידן טוען האט דאס אן השפעה אויפן גאנצן כלל ישראל, און די זעלבע ח"ו אויך פארקערט

**בסוכות תשבו שבעת ימים כל האזרח בישראל ישבו בסוכות** (ויקרא כג, מב). **א)** פארשטייט מען נישט דאס דאפלטע לשון, 'בסוכות תשבו שבעת ימים', און נאכאמאל 'כל האזרח בישראל ישבו בסוכות'.

**ב)** ער הייבט אן 'בסוכות תשבו' לשון נוכח, און פירט אויס 'כל האזרח בישראל ישבו בסוכות' לשון נסתר, ווער איז דער 'תשבו' און ווער איז דער 'ישבו'. ס'איז דאך ידוע דער **זוהר הקדוש** זאגט, אז דאס גייט ארויף אויף די אושפיזין, דער בלשון נוכח רעדט מען צו זיי ('תשבו בסוכות'), מ'האט עס געזאגט פאר די נשמות, און פארן כלל ישראל זאגט מען לשון נסתר ('ישבו בסוכת'). דאס איז א דרש, די אלע דרשות זענען דאך אמת ויציב, פונדעסטוועגן איז א כלל אין מקרא יוצא מידי פשוטו, דער עיקר איז דאך דער פשט אין פסוק, 'בסוכות תשבו שבעת ימים' איז דאך א מצות עשה, א ציווי וואס מ'האט געזאגט פאר אידן, מ'האט דאך געגעבן די תורה הקדושה פאר אידן, פאר יעדן איד אנגעזאגט לנוכח, מ'קען דאך נישט זאגן מ'האט עס נאר געזאגט פאר די אושפיזין, לויט די דרשה איז יא גוט, דאס איז טאקע א רמז אויף דעם דאפלטע לשון, אבער ס'מוז אויסהאלטן לפי פשוטו אויך.

ג) **למען ידעו דורותיכם כי בסוכות הושבתי את בני ישראל בהוציאי אותם מארץ מצרים** (ויקרא כג, מג). לכאורה וואס דארף מען זאגן 'למען ידעו דורותיכם', וואס דען, האט מען דען דאס נאר געגעבן פאר איין דור. אויף דעם גאנצער נתינת טעם 'כי בסוכות הושבתי את בני ישראל בהוציאי אותם מארץ מצרים', שטעלט זיך דער ב"ח (או"ח סי' תרכ"ה), דער בורא כל עולמים זאגט דאך נישט קיין טעמים, אלא מאי אז ס'שטייט א טעם מוז עפעס זיין, מוז מען אינזין האבן דעם טעם אז דאס איז א זכר אויף יציאת מצרים, נו וואלט דאך גענוג געווען 'כל האזרח בישראל ישבו בסוכות כי בסוכות הושבתי את בני ישראל בהוציאי אותם מארץ מצרים', פארשטייט מען מ'זאל וויסן אז דאס איז דער טעם, אז די תורה הקדושה זאגט אז דאס איז דער טעם און מ'דארף אינזין האבן דעם טעם, איז דאך עס אוודאי אויף אלע דורות, וואס דארף מען זאגן 'למען ידעו דורותיכם'.

[נאר קען מען זאגן], די תורה הקדושה זאגט, נישט יעדער איז דאך ביי דער בחינה ער זאל וויסן וואס איז טייטש מ'זיצט אין די סוכה, נאר דער כלל איז, אז וואס אידן טוען, וואו ס'איז דא א כנופיא אידן טוען האט דאס השפעה אויפן גאנצן כלל ישראל, אז ס'איז דא ערליכע אידן וואס זיי דינען דעם אייבערשטן, דאס גיבט השפעה אויף דער גאנצער וועלט, פאר יענעם אויך, יעדע זאך וואס ס'ווערט געטוהן ברבים איז געבינדן מיט א כבוד שמים, און ס'ברענגט השפעה אויף דער וועלט[א].

קען זיין איבערדעם זאגט דער פסוק בסוכות **'תשבו' שבעת ימים**, און ס'זאל זיין תשבו כעין תדורו (סוכה כו, א), מ'זאל וויסן מ'איז תחת צילא דמהימנותא, אבער נישט יעדער איז ביי דער בחינה אז ער זאל דאס אויפפאסן וויאזוי ער איז מקיים די מצות, לאו כל מוחא סביל דא, זאגט דער פסוק, **כל האזרח בישראל 'ישבו' בסוכות**, אז אפילו פאר אנדערע אידן, אז ס'וועט זיין אביסל אידן וואס זיי וועלן מרגיש זיין ווען זיי וועלן דאס טון, שפירט דאס שוין דער גאנצער כלל ישראל, דאס נוצט פארן כלל, איבערדעם איז **למען ידעו דורותיכם** [עס נוצט פאר אלע דורות], פאר די אייגענע דורות נוצט עס אוודאי.

**(לשון רבינו בדרשת פתיחה חול המועד סוכות תשכ"ח)**

## סוכות איז א 'זמן שמחה' וויבאלד מ'איז מאסף די תבואה און מ'איז זיך מקבל צו מחזיק זיין די תורה הקדושה

**אך בחמשה עשר יום לחדש השביעי באספכם את תבואת הארץ תחגו את חג ה' שבעת ימים** (ויקרא כג, לט). סוכות ווערט אנגערופן 'חג האסיף' (שמות כג, טז), מען הענגט אן דעם גאנצן חג דעם גאנצן תחוגו את חג ה' - [אין דעם זמן] ווען מ'נעמט צוזאם די תבואה ווען מען ברענגט אריין אין שטוב, דאס ברויך האבן פשט, פארוואס די תורה הקדושה הענגט עס אן אין דעם.

[נאר קען מען זאגן], דער **פרשת דרכים** זאגט (דרך צדקה דרוש יח), 'ישב עולם לפני אלקים חסד ואמת מן ינצרוהו' (תהלים סא, ח), בדין קען דאך דער עולם נישט זיין במציאות להתקיים, [אזויווי עס שטייט] מתחילה עלה במחשבה לברוא העולם במדת הדין, ראה שאין העולם מתקיים, און האט משתף געווען מדת הרחמים (רש"י ריש פרשת בראשית). נאר וואס דען, עס שטייט דאך (שמות רבה מא, א) גדול כח מתנת עניים שמהפך מדת הדין למדת הרחמים, ווייל עס שטייט ביי דעם - 'השקיפה ממעון קדשך' (דברים כו, טו), השקיפה איז לרעה - און עס איז עס מהפך אויף מדת הרחמים, זעהט מען דאך - אז ווען מען איז עוסק אין חסד - דאס איז מהפך די מדת הדין, ממילא קען די וועלט האבן א קיום אפילו מיטן מדת הדין אויך, ווייל די מדת הדין אליין ווערט רחמים. איבערדעם זאגט ער **ישב עולם לפני 'אלקים'**, ווי אזוי איז דאס [אז די וועלט קען האבן א קיום אפילו מיטן מדת הדין], **חסד ואמת מן ינצרוהו**, עכת"ד.

אויף דעם האב איך מוסיף נופך געווען, וואס איז דער חסד 'ואמת', נאר דער 'אמת' איז דאך דער תוקף הדין, ווי די גמרא זאגט (עבודה זרה ד, ב), אז די תורה הקדושה איז אמת, ממילא איז נישט פארהאנען קיין פשרות, איבערדעם איז עס תוקף הדין. אבער אז עס איז דא 'חסד' - קען זיין 'ואמת'.

עס שטייט דאך אז סוכות איז **ימי שמחה**. [אבער] ווייל ראש השנה און יום כיפור איז ימי דין איז דאך די שמחה נישט בשלימות, שטערט דאך דאס די שמחה, נאר וואס דען, איך לייג אבער צו 'חסד' - איז הקדים מדת הרחמים. איבערדעם זאגט מען 'צדק ומשפט מכון כסאך חסד ואמת יקדמו פניך' (תהלים פט, טו) דורך 'חסד ואמת' - קען זיין 'יקדמו פניך', אז מען טוט מקדים זיין דעם חסד - [קען מען שוין] דעם 'אמת' אליין אויך [מקדים זיין].

איבערדעם איז אזוי, א איד גייט מאסף זיין תבואה, ברויך ער דאך אינזין האבן - וואס איך וועל קענען וועל איך מחזיק זיין די תורה הקדושה, ברענגט ער דאך אראפ 'חסד' אויף דער וועלט, ווערט דאך נתהפך דער מדת הדין למדת הרחמים, מיט דעם ווערט עס א **זמן שמחה**, נישט מען פריידט זיך מיט די ביסל תבואה וואס מען איז מאסף. איבערדעם זאגט ער **באספכם את תבואת הארץ תחוגו את חג ה'**, ווייל די תורה הקדושה שמועסט דאך בעושין רצונו של מקום, און א איד וואס איז עושה רצונו של מקום - און ער האט אינזין תורה - און ער האט אינזין אידישקייט, אז ער גייט פארדינען עפעס געלט האט ער אינזין - איך וויל פון דעם מחזיק זיין די תורה הקדושה, ממילא מיט דער מחשבה איז ער מקדים די מדת החסד, איבערדעם איז דאס א זמן שמחה.

דער בורא כל עולמים זאל געבן שפע וברכה, אז דער בורא כל עולמים האט צוגעזאגט גיבט ער מיט ריוח, ער גיט דאך אוודאי בעין יפה, מען זאל די האבן די זכיה מרבה זיין דעם כבוד שמים, און מען זאל מרבה זיין תורה טהרה וקדושה בישראל, מען זאל במהרה ניצול ווערן מכל צרה וצוקה, עס זאל זיין השפעת החסד בעולם, דאס ברענגט דאך דאס, עס זאל טאקע זיין א זמן שמחה, עס זאל זיין א שמחה אמתיות, מען זאל במהרה זוכה זיין אלע אינאיינעם צו זעהן ישועת ישראל, מקבל זיין פני משיח צדקינו - בקדושה ובטהרה - ובשמחה ובנחת, בהתגלות כבוד שמים עלינו, במהרה בימינו אמן.

**(לשון רבינו דרשה א' כי תבוא תשכ"ג מאנטריאל)**

---

**א.** ס'איז דאך אזוי [על פי הלכה], וואס דער גאנצער כלל ישראל זעען דאס האט אלעמאל השפעה, דער האלבער שולחן ערוך איז צוליב דעם מראית העין. לכאורה וואס גייט מיך אן מראית העין, וואס גייט מיך אן אז יענער וועט זאגן. נאר וואס דען, די וועלט ווערט מושפע פון אלעס וואס איז מיט אידן. ווידעראום פארקערט חלילה, די עוברי רצונו ית"ש גיבן השפעה פאר די גאנצע וועלט חלילה אויף פארקערט, דאס איז דאך דאס ענין וואס מען מוז זיין אפגעהיטן פון חילול ה', אז מ'טוט ברבים א זאך. - מ'זעהט דא אין דער מדינה טאקע, ס'פלעגט צו זיין א מנהג דא, גאר אין די שענסטע מקומות, אין שול הויף איז געווען א סוכה, און מ'האט קידוש געמאכט, און מ'איז אהיימגעגאנגען עסן אין שטוב, ס'איז געווען גאר גאר שומרי תורה ומצות, און אז ס'איז דא אביסל אידן וואס זיי האבן אנגעהויבן צו מאכן א סוכה גיבט עס א השפעה אויפן גאנצן כלל.



KolSatmar.com

## א

## די סוכה איז משפיע פאר די גאנצע יאר, און פאר די שפעטערדיגע דורות

**בַּסֻּכֹּת תֵּשְׁבוּ שִׁבְעַת יָמִים כָּל הָאֶזְרָח בְּיִשְׂרָאֵל יֵשְׁבוּ בַּסֻּכֹּת, לְמַעַן יֵדְעוּ דֹרֹתֵיכֶם כִּי בַסֻּכּוֹת הוֹשַׁבְתִּי אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּהוֹצִיאִי אוֹתָם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם** (ויקרא כג, מב-מג).

מ'דארף פארשטיין וואס איז דער 'למען ידעו דורותיכם', אוודאי דארפן אלע דורות וויסן די מצוה וואס מ'האט געגעבן פאר גאנץ כלל ישראל פון אלע דורות?

מ'קען זאגן על פי פשטות, ווייל די מצות סוכה ווערט אנגערופן 'צילא דמהימנותא, צילא דקודשא בריך הוא', ס'איז זייער הייליג און ס'איז מקדש דעם מענטש. און די קדושה דארף מען מיטנעמען מיט זיך ווען מ'גייט ארויס פון די סוכה, ווי חז"ל זאגן (סוכה כו.) '**תשבו כעין תדורו**', און מיר ווייסן דאך אז 'אין היקש למחצה'; מ'קען נישט מאכן א היקש נאר אויף איין זייט, דעריבער דרש'נט מען דא '**תדורו כעין תשבו**', אז פון דער סוכה דארף מען אריינגיין אין שטוב מיט די קדושה וואס מ'האט געהאט ווען מ'איז געזיצן בצילא דקודשא בריך הוא, אזוי דארף מען אויך זיצן אין שטוב מיט די זעלבע קדושה, ווייל דאס האט א המשך אויף א גאנץ יאר.

אבער נישט יעדער איז דאך ביי די בחינה אז ער זאל וויסן די חשיבות פון זיצן אין די סוכה, און אז מען געפינט זיך בצילא דמהימנותא. נאר דער כלל איז אז ווען ס'איז דא א כנופיא אידן וואס טוען א מצוה האט דאס אן השפעה אויף גאנץ כלל ישראל, און ווען ס'איז דא אידן וואס זיי דינען דעם אויבערשטן דאס געבט השפעה אויף דער גאנצער וועלט. ווידעראום פארקערט חלילה, די וואס טוען עבירות, זיי געבן השפעה פאר די גאנצע וועלט אויף פארקערט ח"ו. און דאס איז דער ענין פון 'חילול ה'', ווייל ווען מ'טוט ברבים א זאך איז עס געבינדן מיט כבוד שמים און ס'ברענגט אן השפעה אויף דער וועלט לטב ולמוטב.

וועגן דעם זאגט דער פסוק '**בַּסֻּכֹּת תֵּשְׁבוּ שִׁבְעַת יָמִים**', אז מ'זאל זיצן אין די סוכה אין די בחינה פון 'תשבו כעין תדורו', מ'זאל וויסן אז מען זיצט בצילא דמהימנותא. איז דער פסוק ממשיך, הגם נישט יעדער איז אין דער בחינה צו מרגיש זיין די גרויסע קדושה פון מצות סוכה, אבער אז ס'וועט זיין אביסל אידן וועלכע וועלן טון די מצוות בדחילו ורחימו, און זיי וועלן מרגיש זיין די גרויסע קדושה, וועט שוין גאנץ כלל ישראל שפירן, און ס'וועט זיין '**כָּל הָאֶזְרָח בְּיִשְׂרָאֵל יֵשְׁבוּ בַּסֻּכֹּת**', אז ס'וועט העלפן פאר גאנץ כלל ישראל, אז יעדער איינער זאל שפירן א רישומא דקדושה פון מצות סוכה. און אויסערדעם וועט זיין '**לְמַעַן יֵדְעוּ דֹרֹתֵיכֶם**', אז ס'וועט נוצן פאר די אייגענע דורות, וויסנדיג אז זייער טאטע האט מקיים געווען מצות סוכה מיט א געוואלדיגע קדושה.

(פתיחה חוה"מ סוכות תשכ"ח)

## ב

## די מצות ד' מינים דארף זיין יעדן טאג מיט אן התחדשות

**וּלְקַחְתֶּם לָכֶם בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן פְּרִי עֵץ הָדָר כַּפֹּת תְּמָרִים וַעֲנַף עֵץ עָבֹת וְעַרְבֵי נָחַל** (ויקרא כג, מ).

דער **מדרש** (תנחומא אמור פכ"ב) שטעלט זיך: '**וכי ראשון הוא, והלא ט"ו הוא, אלא ראשון לחשבון עוונות**'.

דער פשט קען זיין בדרך רמז בהקדם וואס שטייט אין **ישמח משה** (פ' צו), אז באמת איז נישטא קיין שום איד וואס האט נישט אמאל עפעס א תשוקה און חשק צו דינען דעם אויבערשטן און וועלן תשובה טון פאר אים. נאר '**אין חסידות כחסידות בתחלתו**', די התעוררות ווערט אויסגעוועפט און ס'האלט זיך נישט לאנג, און נאך א שטיק צייט גייט מען צוריק צום אלטן. אבער ביי די בני עליה, ביי זיי איז אייביג אזוי ווי אין די ערשטע שעה, ווייל עס דאכט זיך זיי אייביג אז זיי הייבן ערשט יעצט אן צו דינען דעם אויבערשטן, און ס'איז נישטא ביי זיי א מיטן און א סוף, נאר אייביג האלטן זיי ביי די התחלה, און זיי גייען ממדריגה למדריגה.

מיט דעם טייטשט ער דעם פסוק (תהלים מט, ו): '**לָמָּה אִירָא בִּימֵי רָע עֲוֹן עֲקֵבַי יְסוּבֵּנִי**'. דוד המלך האט זיך מתמרמר געווען אז זיין גאנצע יראה באשטייט צוליב דעם וואס ס'איז דא ביי אים א 'סוף', און די התלהבות האלט נישט אן אגאנצע צייט מיט א דערהויבנקייט. און דאס אלעס קומט צוליב די עבירות וועלכע מאכן א מסך המבדיל בין ישראל לאביהם שבשמים, דאס שטערט אז מ'זאל נישט קענען שפירן די זיסקייט פון די מצוה די גאנצע צייט. דאס האט ער געזאגט, '**לָמָּה אִירָא בִּימֵי רָע**', פארוואס האב איך מורא, ווייל '**עֲוֹן עֲקֵבַי יְסוּבֵּנִי**', מיינע עבירות האבן גורם געווען אז ס'זאל זיין אן 'עקב'; א סוף צו די מצוה, און איך זאל נישט שפירן דעם זעלבן הרגש ביים סוף ווי ביים אנהויב.

לויט דעם קען מען פארשטיין בדרך רמז וואס איז שווער געווען פארן מדרש, '**וכי ראשון הוא**', ווייל די ווארט 'ראשון' איז נאר שייך ווען ס'איז דא נאכדעם א צווייטע, אבער ביי א מצוה איז נישט שייך צו זאגן אז ס'איז דא אן ערשטע מאל מיט א צווייטע מאל, ווייל יעדעס מאל וואס מ'איז מקיים די מצוה דארף עס זיין מיטן זעלבן חשק און התלהבות ווי ביים ערשטן מאל, אויב אזוי פארוואס זאגט דער פסוק 'ולקחתם לכם ביום הראשון', וואס פון דעם פארשטייט מען אז ס'איז אויך דא א צווייטע שטאפל?

ענטפערט דער מדרש, '**אלא ראשון לחשבון עוונות**', צוליב דעם וואס מענטשן זינדיגן און מ'טוט עבירות, ווערט א מסך המבדיל צום הייליגן באשעפער, און דאס איז גורם אז די מתיקות המצוה זאל קאלט ווערן און ס'זאל זיין א צווייטע דרגה.

(סוכות תרצ"ד)

## ג

## די ד' מינים איז משפיע עשירות, מען טאר אבער נישט אינזין האבן אז צוליב דעם טוט מען די מצוה

אין **שו"ת הרשב"א** (קנז) איז ער אנגעפרעגט געווארן דורך א שואל פארוואס מיר מאכן א ברכה אויף די ד' מינים מיט'ן לשון "על **נטילת** לולב"; פארוואס זאגט מען נישט על '**לקיחת**' לולב, אזוי ווי דעם לשון הפסוק וואס איז "**וּלְקַחְתֶּם לָכֶם**"?!

דער **רשב"א** ענטפערט דארט אז עס איז נישטא קיין הקפדה זיך צו האלטן צום לשון הפסוק ווען די כונה איז די זעלבע, און ער ברענגט ראיות דערצו.

מען דארף אבער נאך אלץ פארשטיין: אין הכי נמי אז עס איז נישט דא קיין קפידה צו זאגן א ברכה דוקא מיט'ן לשון הפסוק, אבער פארוואס טאקע האט מען משנה געווען און נישט מתקן געווען צו זאגן די ברכה יא ווי דער לשון הפסוק, ווייל אודאי וואלט געווען מער פאסיג צו מאכן די ברכה מיט'ן לשון הפסוק מיט וואס מיר זענען מצווה געווארן!?

נאר מען קען זאגן אז דער לשון '**וּלְקַחְתֶּם**' ווייזט אז די ד' מינים איז א סגולה צו משפיע זיין פרנסה, ווי חז"ל זאגן אז איבעראל ווי עס שטייט דער לשון **לקיחה** מיינט עס **בכסף** (עיין קידושין ב), דעריבער האבן חז"ל משנה געווען דעם לשון פון די ברכה אז מען זאל נישט זאגן '**על לקיחת לולב**', ווייל כאטש די סגולה פון די ד' מינים איז טאקע צו משפיע זיין א השפעה פון געלט, איז אבער נישט ראוי אז מען זאל אינזין האבן אז מיר טוען די מצוה צוליב די געלט, ווייל אונזער כונה מיט'ן מקיים זיין די מצות התורה איז בלויז צו טון דעם רצון ה', דעריבער האט מען נישט געוואלט אז דער צורה פון די ברכה זאל ארויסברענגען דעם ענין פון לקיחה.

(ב' דסוכות תשכ"ד)

## ד

## די שמחה פון יום טוב דארף זיין מקושר מיט יראת ה'

מען קען זאגן א טעם פארוואס די **שמחת בית השואבה** הייבט זיך אן בלויז פונעם צווייטן טאג יו"ט און נישט פונעם ערשטן טאג, ווייל בשעת עס איז דא א גרויסע שמחה דארף מען זייער אכטונג געבן אז עס זאל נישט צוקומען צו קיין קלות ראש און חטא, נאר די שמחה דארף זיין א הייליגע שמחה וואס קומט אינאיינעם מיט יראת שמים, ווי עס שטייט אין פסוק "**וְגִילוּ בִּרְעָדָה**" (תהלים ב, יא).

**וועגן דעם הייבט אן בלויז אן די שמחה דעם צווייטן טאג ווען עס איז די אושפיזא פון יצחק וואס איז 'מדת הגבורה' און 'פחד יצחק', כדי די שמחה זאל זיין אויפ'ן ריכטיגן אופן מיט יראת שמים און מיט א גרעניץ, כדי עס זאל נישט קומען צו קיין חטא.**

אזוי זעט מען טאקע אין די משנה אז בשעת די שמחה בית השואבה אין ביהמ"ק, וואס איז געווען א געוואלדיגע שמחה און '**מי שלא ראה שמחה זו לא ראה שמחה מימיו**' (סוכה נא:), האט מען מתקן געווען דארט א גרויסן תיקון פון צניעות, כדי עס זאל נישט צוקומען צו קיין קלות ראש, און אזוי האט די שמחה געקענט ברענגען צו די געוואלדיגע גרויסע מדריגות און צו תשובה, ווי עס שטייט דארט (נג.) **אשר ילדותנו שלא ביישה זקנותנו, און אנדערע האבן געזאגט אשרי זקנותנו שכפרה על ילדותנו, אלו ואלו אומרים אשרי מי שלא חטא ומי שחטא ישוב וימחול לו.**

(ליל ב' דסוכות תשכ"ה)



לנדב זכות הגליון יפנה אל המערכת:
845-662-7267 או: samekstein@gmail.com
KolSatmar.com